NAJER FOLKSBLAT
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

פרייז 15 גראָשען

זייטען 10

# לאָדזשער פאָלקסבלאַט

№ 288 | Łódź, Wtorek, 15 grudnia 1936 | אדרעס: לאָדז, פעטריקאווער 21 טעל. 224-71 Adres Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 1.06 | לאָדז, דינסטאָג פ׳ ויגש א׳ טבת תרצ״ז | 14-טער יאָהרגאַנג


# דוד פראַנקפורטער
## איז פערמשפט געוואָרען צו 18 יאָהר תפיסה
### ענדגילטיג, אָהן שום אַפּעלאַציע

כ ו ר, 14 (יט״א טעל.)

היינט פאַרנאַכט האָט דאָס קאַנטאָן-געריכט פון גראָיבונדען איבערגעשיקט די צדדים דעם אורטייל געגען דוד פראַנקפורטער. דער אורטייל לויטעט:

דאָס קאַנטאָנאַל-געריכט אין גראָיבונדען האָט נאָכ׳ן בעטראַכטען דעם פּראָצעס פון דוד פראַנקפורטער, געבוירען דעם 9-טען יולי 1909 אין דאַרוואַר, יוגאָסלאַוויען, יוגאָסלאַווישער שטאַטס-בירגער, וואוינט אין בערן, אונפּערזהייראַט, פריהער נישט בעשטראָפט, בעשולדיגט אין ערמאָרדען ווילהעלם גוסטלאָף לויט דער אַנקלאַגע פון דער פּראָקוראַטור פון 5-טען יוני 1936, האָט אין אָנוועזונג פון די פאַראַגראַפען (זיי ווערען דאָ אויסגערעכנט), אָנערקענט:

1) דוד פראַנקפורטער איז שולדיג אין אויספיהרען דעם מאָרד איבער ווילהעלם גוסטלאָף.

2) ער ווערט דערפאַר בעשטראָפט מיט 18 יאָהר תפיסה, אָראָפּרעכענדיג דאָס פּרעווענציק-אַרעסט פון 8 חדשים, צו פערלירען די בירגערליכע עהרען אין רעכט אויף דער גאַנצער צייט און אויף לעבענס-לענגליכע אויסווייזונג פון דער שווייץ. דאָס געווער ווערט קאָנפיסקירט.

3) פּרינציפּיעל ווערט פראַנקפורטער געמאַכט פעראַנטוואָרטליך פאַר די דורכ׳ן מאָרד פעראורזאַכטע שאָדענס.

4) פראַנקפורטער האָט צו דעקען אַלע קאָסטען פון דער אונטערזוכונג און געריכטס-פערהאַנדל געגען.

5) דער דאָזיגער אורטייל ווערט מיטגעטיילט דעם פּראָקוראָר אַד-האָק ד״ר פרידריך בריגער, דעם פערטרעטער פון פראַנקפורטער׳ן ד״ר קורטי דורך דער פערמיטלונג פון זיין פערטרעטער ד״ר הילער, דער פערטרעטונג פון פרוי גוסטלאָפ׳ס ציוויל-תביעה דורך פערמיטלונג פון ד״ר פאַדרוט, דעם קאַנטאָנאַלען משוגעים-אַנשטאַלט, דער עקזעקוטיווע פון קאַנטאָנאַל-ראַט, דעם פּאָליציי-ביוראָ, דער פּרעסע.

דער אורטייל פון קאַנטאָנאַל-געריכט איז אַנ׳ענדגילטיגער און אונטערליגט נישט קיין אַפּעלאַציע.

דער פונקט 3 פון דעם אורטייל דאַרף מען פערשטיין אין דעם זין, אַז אויפ׳ן גרונד פון דאָזיגען פונקט קאָן פרוי גוסטלאָף דורך אַ ספּעציעלען ציוויל-פּראָצעס פאָדערען פון פראַנקפורטער׳ן צו דעקען די היזקות, וואָס זענען געוואָרען פעראורזאַכט דורך דער דערמאָרדונג פון גוסטלאָפ׳ן.

* * *

דוד פראַנקפורטער האָט בעקומען אַ פּסק-דין נישט געקוקט דערויף וואָס עס האָט געוואָלט פונ׳ם שווייצאַרישען געריכט 18 יאָהר, איז עס געווען אויף דעם צו ריכטען זיך, אָדער נישט?

אָפּטימיסטען — מענשען וואָס לעבען אויסער אונזערע „אַטמאָספערישע בעדינגונגען" זענען געווען זיכער, אַז דוד פראַנקפורטער וועט פונקט, ווי פאַראַכאַרד אין פאַריז פרייגעשפּראָכען ווערען.

זיי, די אָפּטימיסטען, האָבען געלערנט פּשט, אַז אויב דאָס גרויסע פראַנקרייך האָט גענומען אין אכט די בעדינגונגען און אומשטענדען — וועט ממילא די קליינע, אָבער אויך פרייע שווייץ האָבען מוט צו קוקען דעם אמת אין דעם יושר אין די אויגען און אַרויסטראָגען דעם ענדגילטיגען פּסק, וועגען דער יוער עס זענען די מערדער און וואָר די געמאָרדעטע...

די פעסימיסטען און סקעפּטיקער ווידער — פאַר זיי איז עס געווען קלאָהר, ווי אויף דער האַנד, אַז דאָס געריכט איז כמעט וועט גיין אויף דער ליניע פון דעם לייכטסטען ווידערשטאַנד — נישט לויט די געבאָטען פון דער אייביגער מאָראַל, נאָר לויט די מאַראָדערען - זיטען פון דער איצטיגער צייט.

די פעסימיסטען, אַז דאָס געריכט וועט אונטערהאַנדלען און האַנדלען אויסער די גרעניצען פון פּאָליטישע ליידענשאַפטען און השפּעות, אַז עס וועט אַבסאָלוט פריי זיין פון איטליכען דרוק פון דרויסען — האָט עס דאָך אַזוי פּאַסירט, אַז די ווירקונג מן הצד איז אַזוי קלאָהר און בולט, דאָס עס קאָן גאָר קיין ספק אין א״הר נישט זיין.

עס האָט פּאַסירט איינער פון די זעלטענסטע פאַלען איב׳ב געריכטס וועזען, ווי דהיינו — דער פּראָקוראָר האָט דעם פּראָצעס געוואונען אין די גאַנצע הונדערט פּראָצענט: געפאָדערט 18 יאָהר, און געפועלט..

דוד פראַנקפורטער איז צו דער גרעסטער איי בעררעשונג פערמשפט געוואָרען אויף 18 יאָהר און —

פאַר אונז איז קלאָהר געוואָרען אָט-וואָס:

אין כור איז בעגאַנגען געוואָרען נישט קיין געריכטס-טעות ווי עס קאָן פּאַסירען, נאָר — א געריכטס-מאָרד, און אַז פאַר אונז און פאַר איטליכען אָרענטליך דענקענדען מענשען בלייבט פראַנקפורטער איינער פון די מיליאָנען געמאָרדעטע און גוסטלאָף — איינער פון די מיליאָנען מאַסען-מערדער!

ב.

---


נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז נעכטען אָוועגד געשטאָרבען מיין היים-געליבטע פרוי, אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער, שוויגערמוטער, גרויס-מוטער, שוועסטער, שוועגערין און טאַנטע

אשת ר׳ משה נ״י

## אסתר קליימאַן נ״ע

(פון דערהיים רייז)

איז עלטער פון 72 יאָהר.

די לויה קומט פאָר היינט, דינסטאַג, ד. 15 דעצעמבער 1936, 1 אַ זייגער ביי טאָג פון טרויער-הויז שרודמיעסקאַ 29, וועגען וואָס עס טיילט מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאַמיליע.

